# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944

(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן
רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

ד.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי, אָפּגעדאַוונט און איבערגעביסן, טוט אונדז אָן די מאַמע אין קעצענע טולופּלעך, וויקלט אונדז איַין אין גרויסע וואַרעמע שאַלן, און מיר לאָזן זיך גיין נאָך חנוכּה-געלט, פֿריער פֿון אַלעמען, געוויינטלעך, צום פֿעטער משה-אהרן.

דער פֿעטער משה-ארהן איז אַ ייִד נישט קיין געזונטער, האָט צו טאָן שטענדיק מיט מאָגן; ווען מע קומט, טרעפֿט מען אים נעבן האַנטפֿאַס ווישן זיך די הענט און זאָגן „אשר יצר״.

— אַ גוט מאָרגן, פֿעטער משה-אהרן! — שיסן מיר אויס ביידע מיט אַ מאָל, איך און מיַין ברודער מאָטל, און עס קומט אַקעגן די מומע פּעסל, אַ ייִדענע אַ קליינישקע, איין אויג אַ שוואַרץ, דאָס אַנדערע אַ וויַיס, דאָס הייסט איין ברעם אַ שוואַרצע, די אַנדערע אַ וויַיסע. די מומע פּעסל טוט אונדז אויס די טולופּלעך, וויקלט אונדז אויס פֿון די שאַלן און שנייצט אונדז אויס די נעזער אין איר פֿאַרטעך.

— שנייצט אויס! — זאָגט די מומע פּעסל.— גוט, גוט, שנייצט אויס! זשאַלעוועט ניט! נאָך! נאָך! אָט אַזוי!...

און דער פֿעטער משה-ארהן, אין אַן אַלט קעצן כאַלאַטל, מיט אַ וואַטעווען יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ, מיט וואַטן אין די אויערן און מיט אויסגעקראָכענע וואָנצעס, שטייט ביַים האַרטפּאַס ווישן זיך די הענט, קנייטשן מיטן פּנים, פּינטלט מיט די אויגן און קוועטשט: „נקבים, נק-בים! חלולים, חלו-לים!״

איך און מיַין ברודער מאָטל זיצן אין געהאַקטע ווונדן. עס פֿאַלט אויך אונדז אָן אַ פּחד, אַ קעלט, אַלע מאָל, ווען מיר קומען אַהער. די מומע פּעסל זעצט זיך אַוועק אַקעגן אונדז, לעגט צונויף די הענט אויפֿן האַרצן און נעמט אונדז צום עקזאַמען:

— ס׳מאַכט דער טאַטע?

— גאָרניט.

— ס׳מאַכט די מאַמע?

— גאָרניט.

— געקוילעט גענדז?

— געקוילעט.

— געפּרעגלט שמאַלץ?

— געפּרעגלט.

— געבאַקן לאַטקעס?

— געבאַקן.

— דער פֿעטער בעני געווען?

— געווען.

— געשפּילט אין דאָמינעס?

— געשפּילט.

און אַזוי ווײַטער.

די מומע פעסל שמייצט אונדז אויס די נעזער נאָך אַ מאָל און רופֿט זיך אָן צום פֿעטער משה-ארהן:

— משה-ארהן, מע באַדאַרף זײ עפּעס געבן חנוכּה-געלט.

דער פֿעטער משה-ארהן הערט ניט; ער ווישט זיך די הענט און לאָזט אויס מיט אַ קוועטש: „ומפֿליא ל - ע - שות!"

די מומע פעסל פֿוילט זיך ניט דערמאָנען אים נאָך אַ מאָל:

— משה-אהרן, די קינדער חנוכּה-געלט!

— האַ? וואָס? — מאַכט דער פֿעטער משה-אהרן און לעגט איבער די וואַטן פֿון איין אויער אינעם אַנדערן.

— די קינדער חנוכּה-געלט!! שרײַט אויס די מומע פעסל אים גלײַך אין אויער אַרײַן.

— אוי, דער באַוך, דער באַוך! — מאַכט דער פֿעטער משה-אהרן (ער רעדט אַ ביסל „בראָדיש") און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט בײַם בויך. — חנוכּה-געלט ווילט איר? וואָס דאַרפֿן קינדער געלט? וואָס וועט איר טאָן מיטן געלט? האַ? אויסגעבן, צעטרענטלען, האַ? וויפֿל האָט אײַך געגעבן דער טאַטע אײַערער חנוכּה-געלט? האַ?

— מיר אַ קערבל, — זאָג איך — און אים אַ האַלבס.

— אַ קערבל?!! המ... מע באַלעוועט קינדער, מע מאַכט פֿון זײ אַ תּל. וואָס וועסטו טאָן מיט קערבל? — האַ? צעבײַטן? — האַ? זאָלסט דאָך ניט צעבײַטן! דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? זאָלסט דאָך ניאַ צעבײַטן! צי אפֿשר ווילסט דו דאָס צעבײַטן, האַ?

— ניט צעבײַטן, יאָ צעבײַטן — וואָס גיין דאָס דיר אָן? — מישט זיך אַרײַן די מומע פעסל. — גיב זײ אָפּ זייערס און לאָז זײ גיין געזונטערהייט.

דער פֿעטער משה-אהרן גייט אַוועק צו זיך אין חדר, שאַרעוועט מיט די שקראַבעס, זוכט אין אַלע טישקעסטלעך מיט אַלט שופֿלעדלעך, קראַצט אויס פֿון דאָרטן עטלעכע מטבעות און רעדט צו זיך אַליין:

— המ... מע פֿירט איבער קינדער, מע מאַכט פֿון זײ אַ תּל, אַ תּל-עולם!

און ער רוקט אונדז אַרײַן אין האַנט אַרײַן עטלעכע האַרטע מטבעות.

די מומע פעסל שנייצט אונדז אויס די נעזער נאָך אַ מאָל (דאָס לעצטע מאָל), טוט אונדז אָן די טולופּלעך, ווינקלט אונדז אײַן אין די גרויסע וואַרעמע שאַלן, און מיר גייען ווײַטער.

מיר לויפֿן איבר ווײַסן, געפֿרוירענעם, סקריפּענדיקן שניי און ציילן די האַרטע מטבעות, וואָס דער פֿעטער משה-ארהן האָט אונדז אַרײַנגערוקט, און מיר קענען זײ ניט איבערציילן. די הענט זײַנען אונדז געפֿרוירן, רויט, אָנגעדראָלן; די מטבעות זײַנען קופּערנע, גרויסע, שווערע מטבעות, עפּעס

זעקסערס פֿאַרצײַטיקע, דרײַערס מאָדנע אָפּגעריבענע, גראָשנס אַלטפֿרענקישעס, געשוואָלענע, פֿאַרגרינטע — ס׳איז שווער, אומעגלעך אויסצורעכענען אין דרויסן אויפֿן פֿראָסט וויפֿל דער פֿעטער משה-אהרן האָט אונדז געגעבן חנוכּה-געלט!...

-//-